# מאמר התחזקות:

☜ א רייכע אוצר פון הלכה און חיזוק אויף "שמירת עינים"
ארויסגעגעבן דורך "הוצאות טהור עינים"



געשריבן לויטן תוכן הספר:
שמירת עינים כהלכה
שער א' - הלכה למעשה
שער ב' - אוצרות העינים
שער ג '- סיפורי צדיקים
שער ד' - טהור עינים
באידיש
הספר בהדרו יופיע אי"ה ע"י הוצאות טהור עינים
כל הזכויות שמורות להמערכת

שנה ד' גליון מ"ג | תולדות - ויצא תש"פ

אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא:

# אֵין אָדָם שׁוֹמֵעַ לִי וּמַפְסִיד

## פון שמירת עינים דערלייגט מען נישט! (ה')

**שטוינענדע מעשיות פון אונזערע צייטן וועלכע איבערצייגן אונז איינמאל און נאכאמאל: פון שמירת עינים האט מען נישט קיין שאדן, אדרבה, מען פארדינט גאר אסאך.**

## חשבונות פון א גוי אין שמירת עינים

די מעשה איז געווארן איבערגעגעבן דורך איינעם וואס האט עס געהערט פונעם בעל המעשה, און מ'קען פון דעם ארויסנעמען סיי אז "אין אדם שומע לי ומפסיד", מ'האט בלויז ריווח פון זיין אפגעהיטן אין שמירת עינים, און אויך אז אפילו א גוי פארשטייט אז א איד דארף זיין אפגעהיטן.

פארציילט דער יונגערמאן, אז ער ארבעט אויף א פלאץ וואו דער בעל הבית איז א נישט אידישע פרוי, און אינאיינעם מיט אים ארבעטן דארט נאך עטליכע יונגעלייט. זייענדיג זיין בעל הבית קומט אים כסדר אויס צו דארפן רעדן מיט די פרוי, ער פרובירט אבער שטענדיג צו זיין נזהר אין שמירת עינים און נישט קוקן אויף איר אפילו בשעת'ן רעדן מיט איר.

אמאל פאר א יו"ט איז דער יונגערמאן צוגעגאנגען צום בעל הבית, די פרוי, און איר געבעטן אז היות ס'קומט יעצט ערב יו"ט און מ'דארף זיך צוגרייטן צום יו"ט וויל ער נעמען רשות נישט צו דארפן אריינקומען צו דער ארבעט ערב יו"ט. זי האט איינגעשטימט, און אים געגעבן ערלויבעניש צו פעלן פון דער ארבעט יענעם טאג.

איז געווען דארט א צווייטער יונגערמאן וועלכער האט געהערט אז זי האט מסכים געווען ער זאל נישט דארפן אריינקומען, איז ער אויך געגאנגען צו איר, און אויך געבעטן ערלויבעניש צו פעלן, אבער פאר אים האט זי נישט נאכגעגעבן.

אויף זיין שאלה פארוואס פאר'ן ערשטן יונגערמאן האט זי געגעבן רשות צו פעלן און פאר אים נישט, האט זי געענטפערט: **"יענער זע איך אלץ ווי ער היט זיך שטארק די אויגן, זע איך אז ער רעספעקטירט זיין רעליגיע, קומט זיך אים אויב אזוי ער זאל זיך קענען געהעריג גרייטן צום אידישן יו"ט. דו, אבער, זע איך נישט אז דו היטסט דיך אזוי די אויגן, ממילא שפיר איך נישט אז איך דארף דיר נאכגעבן צו פעלן צוליב א אידישן יו"ט"...**

## וואס וועט זיין מיט פרנסה?

עס דערציילט **הגה"צ המשפיע ר' אלימלך בידערמאן שליט"א** א מורא'דיגע סיפור וואס ער האט געהערט פון די בעל המעשה.

אן ערליכע פרוי וואס האט געקענט גרעפיק"ס האט געזוכט ארבעט אין דעם הינזיכט. זי האט אריינגעשיקט אין מערערע פלעצער איר ביטע אז מען זאל איר אנעמען פאר אזא ארבעט, אבער זי האט פון ערגעץ נישט באקומען קיין ענטפער. ביז נאך א לענגערע צייט האט זי ענדליך געטראפן א חרדי'שע ארבעטס פלאץ וואס האט איר אנגענומען.

כי היא חכמתכם:

## וואס וועט דער גוי טראכטן אויף מיר?

איינע פון די זאכן וואס מענטשן פארכטן זיך אסאך מאל אז ס'וועט זיי קאסטן די שמירת עינים, איז זייער אנערקענונג און שעצונג ביי אנדערע מענטשן. בפרט איז דאס שכיח ווען ס'קומט צו האנדלען מיט גוים, דאן קומט דער בעל דבר מיט דער טענה אז מ'דארף זיין "א מענטש", מ'דארף זיך צושטעלן צו די אנגענומענע פירונגען, אז נישט, ווער ווייסט וואס דער גוי וועט אויף אים טראכטן.

איז כדאי צו ברענגען דערויף וואס מיר געפינען אין א תשובה פונעם הייליגן **מהרי"ל** (יו"ד סימן קכג). דער מהרי"ל באציט זיך צו א שאלה וואס איינער האט אים אנגעפרעגט, אז דער שר פון שטאט האט אים שטארק געבעטן ער זאל אים געבן א מזוזה וועלכע ער וויל ארויפלייגן אויף זיין פעסטונג, האבנדיג געהערט פון אן אנדערן שר וואס האט אזוי געטון און ער האט געהאט דורכדעם א שטארקע שמירה. דער שר האט צוגעזאגט פאר דעם איד גרויסע גליקן אויף זיין גאנצן לעבן אויב וועט ער אים צוליב טון, און פון דער אנדערער זייט האט דער איד מורא געהאט אז אויב וועט ער אים נישט נאכגעבן זיין ביטע וועט ער זיך נוקם זיין אין אים.

המשך אויף זייט ב'

## כי היא חכמתכם:

המשך פון זייט א'

נאכ'ן מברר זיין אין דער תשובה אז ס'איז נישט אויסגעהאלטן צו געבן א מזוזה פאר א גוי מחמת כמה טעמים, עצה'ט אים דער מהרי"ל אז ער זאל ערקלערן דעם שר אז א מזוזה איז א שמירה בלויז פאר אידן, וויבאלד מיר גלייבן אינעם יחוד ה' וואס שטייט אינעווייניג אין דער מזוזה, אבער פאר גוים ווירקט עס פונקט פארקערט, ס'קען מאכן אויף זיי א קטרוג, וויבאלד זיי האבן אן אנדערן גלויבן. און דאס וואס ס'האט איינמאל גענוצט פאר יענעם שר איז נאכנישט קיין ראיה, ס'האט זיך פונקט געמאכט, און ס'איז נישט פארבינדן מיט דער מזוזה וואס ער האט געהאט.

און דער מהרי"ל פירט אויס מיט מורא'דיגע ווערטער: **"וקבלה בידינו שלא יבוא שום שנאה ליהודי שמחזיק אמונתו ואינו נוטה ממנה כלל נגד השרים, וחן ימצא בעיניהן על כך, ומחזיקים אותנו כאמתיים, ונמנעים מלהסית עוד"** - מיר האבן בקבלה, אז ס'וועט נישט זיין קיין שום שנאה אויף א איד וועלכער האלט זיך מיט זיין אמונה און ער נייגט נישט אוועק דערפון קעגן די שרים, אדרבה, ס'וועט אים ברענגען חן אין זייערע אויגן, און זיי וועלן אונז האלטן דורכדעם פאר אמת'ע מענטשן [זעענדיג ווי מיר זענען געטריי צו אונזער תורה], און זיי וועלן זיך צוריקהאלטן פון רעדן אויף אונז שלעכטס.

**אויך אויף דעם זענען דא אן א שיעור מעשיות פון היינטיגע צייטן, וואס אידן פארציילן און זענען מעיד ווי די ווערטער פונעם הייליגן מהרי"ל זענען מקוים געווארן בשלימות, די גוים האבן גאר שטארק ארויפגעקוקט אויף זיי פאר'ן זיך פירן על פי תורה.**

**כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים!**

ווען זי איז געקומען דארט ארבעטן האט זי געזען אז מען ארבעט דארט אויף אפענע אינטערנעט רח"ל, איז זי געגאנגען צו די בעל הבית זיך אפרעדן דערויף. דער בעל הבית האט איר געענטפערט אז מען וועט עס בקרוב מסדר זיין און עס פילטער'ן.

עס איז דורך נאך א טאג און נאך א טאג און מען האט גארנישט געטון דערצו, נאר מען האט איר כסדר אפגעשטיפט אז באלד, מארגן, און שפעטער וועט מען עס מסדר זיין. ווען זי האט געזען אז דא גייט זיך גארנישט טוישן, האט זי זיך אויפגעהויבן און ארויסשפאצירט, אויפגעבנדיג די אזוי לאנג אויסגעווארטעטע ארבעט, אלעס אבי נישט צו דארפן ארבעטן אויף אפענע אינטערנעט!

למעשה, כאטש זי איז געווען גאר פרייליך מיט איר מסירות נפש פארן אויבערשטן, האט אבער אין איר הארץ גענעסט'גט א זארג וואס וועט דא זיין מיט פרנסה? זי האט אבער זיך פראבירט צו שטארקן אז דער באשעפער וועט איר זיכער נישט פארלאזן "עס קען נישט זיין אז איך זאל שאדן האבן פון דעם וואס איך האט געטון אזא שריט פארן אויבערשטן" האט זי געטראכט צו זיך מיט א שטארקייט.

**עס גייט נישט דורך קיין האלבע שעה פון ווען זי האט אויפגעגעבן די פאריגע ארבעט, און זי באקומט א רוף פון א גרויסע צייטונג אין נתניה וואס זוכט זייער וויכטיג אזא ארבעטער ווי איר, און יעצט האבן זיי 'פערצופאל' דורכגעקוקט איר ביטע וואס זי האט ארײנגעשיקט פאר פיר חדשים צוריק! און זיי האבן געזען אז זי איז פאסיג דערפאר, דעריבער נעמען זיי איר אויף פאר די ארבעט...**

די נייע ארבעט איז געווען פיל גרינגער ווי די דאס פאריגע, און זי באקומט באצאלט דאפעלט ווי די פאריגע!

**גליון באר הפרשה**

> **אינמיטן דעם וועג רופט די פרוי אריין, און זי זאגט אז זי גיבט פאר יעדן פון אונז $120, אבער פאר דעם איד וואס האט נישט געוואלט קוקן אויף איר גיבט זי דאפלט, $240, זייענדיג איבערגענומען פון זיין אפגעהיטנקייט!**

## פארמאכט דאס וועבזייטל, פארגרעסערט דעם ביזנעס

איך וויל איבערגעבן מיין אייגענע ערפארונג אינעם ענין פון **"אין אדם שומע לי ומפסיד"**.

איך טו פאר פרנסה אין מארקעטינג, וואו איך דארף כסדר האבן גוטע בילדער, און איך פלעג אלץ נעמען פונעם וועבזייטל "שאטערסטאק" (shutterstock), וואס איז ווי באקאנט אלץ אביסל בעסער פון אנדערע וועבזייטלעך אין דעם פעלד, בבחינת הבוחר הרע במיעוטו, אבער פארט קען מען דארט כסדר נכשל ווערן מיט אומרײנע בילדער. ס'האט מיך אלעמאל געשטערט אין הארצן פארוואס דאס איז אפן ביי מיר, כ'האב מיך אבער שטענדיג פארענטפערט פאר מיר אליין אז איך האב נישט קיין צווייטע ברירה, איך מוז האבן די בילדער, און ווי נישט ווי איז עס דאך נישט געפערליך.

איין טאג נאך דער ארבעט בין איך געזיצן אין אפיס און איך האב מיר ווידעראמאל אנגעשטויסן מיט א גאר מיאוסער בילד. דאן האב איך מחליט געווען אז גענוג געווען, איך מאך עס צו. איי, וואס וועט זיין, ווי אזוי וועל איך מיך אן עצה געבן? דער רבש"ע האט גענוג געווען איך זאל מצליח זיין אן דעם אויך. און איך האב תיכף געשיקט אן אימעיל צו "גדר" זיי זאלן דאס פארמאכן.

יעצט שטיי איך שוין א לאנגע צייט שפעטער, און ב"ה איך קען זאגן אז איך האב נאכנישט דערלייגט קיין פרוטה צוליב דעם; אדרבה, מיין ביזנעס איז גאר שטארק געוואקסן זייט דעמאלטס.

בכלל האב איך אסאך פרינציפן אין מיין ארבעט וואס איך טו נישט צוליב אפגעהיטנקייט, און איך קען זאגן איך האב נאך קיינמאל נישט פארלוירן קיין קליענט א דאנק דעם, און אפילו נישט געהערט א קרום ווארט!

אויך האב איך א ידיד, א געניטע דיזיינער, מיט וועם איך ארבייט אסאך, ער איז אן ערליכער יונגערמאן מיט עקשנות דקדושה, און ער האט זיך געמאכט א גדר אז ער האט בכלל נישט קיין אינטערנעט, נאר בלויז אימיעל, פשוטו כמשמעו, ער ניצט אנדערע זאלן אים ברענגען בילדער פאר דעם ענין וואס ער דארף האבן צו זיין פראיעקט, און ער איז ב"ה שיין מצליח מיט הערליכע גרעפיקס, אין לך דבר העומד בפני הרצון!

**געהערט פונעם בעל המעשה**

## באקומען א דאפלטער נתונה צוליב שעצע אויף מיין שמירת עינים

א איד פון ארץ ישראל פארציילט א מעשה וואס האט פאסירט מיט אים אליין, וואס דאס ווייזט אונז ווידעראמאל דעם **"אין אדם שומע לי ומפסיד"**.

"מיט א צייט צוריק", פארציילט דער איד, "בין איך געווען אין אמעריקע שאפן געלט. זייענדיג אין אמעריקע בין איך ארומגעפארן מיט א דרייווער

פאר משולחים אינאיינעם מיט נאך עטליכע אידן, און ווי ס'איז איינגעפירט באקומט דער דרייווער באצאלט מיט פראצענטן פונעם געלט וואס מ'שטעלט צוזאם.

"איינער פון די פלעצער וואו מיר זענען געפארן איז געווען באלטימאר. דארט אין באלטימאר איז דא א פרוי וועלכע איז באקאנט אז זי גיבט שיין פאר צדקה, און מיר זענען געפארן א האלבע שעה וועג אנצוקומען צו איר. גרייכנדיג איר הויז, האבן מיר געבעטן דעם דרייווער אז היות די פרוי רעדט נאר ענגליש, זאל ער מיטקומען מיט אונז און אונז איבערטייטשן וואס זי זאגט.

"ערגעצוואו בשעת מיר זענען געזיצן ביי די פרוי אינדערהיים און זי האט אונז אויסגעהערט האט זי אין אכט גענומען אז איך קוק נישט אויף איר, האט זי געפרעגט דעם דרייווער פארוואס איך וויל נישט קוקן אויף איר, און דער דרייווער האט איר שיין מסביר געווען אז איך קוק נישט אויף קיין פרויען. מיר האבן געענדיגט דעם שמועס, און זי האט געזאגט אז זי וועט נאכשיקן דאס געלט.

"ווען מיר זענען ארויס פון איר הויז האט זיך דער דרייווער געבייזערט אויף מיר פארוואס איך האב נישט געוואלט קוקן אויף איר, זאגנדיג אז יעצט וועט זי אוודאי נישט שיקן קיין געלט פאר מיר, און ער וועט צוליב דעם דערלייגן די פראצענטן וואס ער האט געדארפט באקומען אויף דעם. דעריבער, האט דער דרייווער גע'טענה'ט, דארף איך אים באצאלן דאס געלט וואס ער האט דערלייגט לכבוד דעם.

"מיר זענען געפארן ווייטער, און אינמיטן דעם וועג רופט די פרוי אריין, און זי זאגט אז זי גיבט פאר יעדן פון אונז $120, אבער פאר דעם איד וואס האט נישט געוואלט קוקן אויף איר גיבט זי דאפלט, $240, זייענדיג איבערגענומען פון זיין אפגעהיטנקייט!

"הערנדיג דאס", פירט דער איד אויס, "איז דער דרייווער געווארן שטארק איבערראשט, און ער האט געזאגט אז ער וועט נישט נעמען פון מיר קיין פראצענט"...

**איבערגעגעבן דורכן בעל המעשה**

## געטראפן א נייעם דזשאב

איך האב א נאנטער חבר וועלכער האט געהאט אן ארבעט וואו ער האט געהאט נסיונות אין שמירת עינים. נאכ'ן דורכליינען אייער גליון האט ער באקומען דעם נויטיגן חיזוק און איבערגעלאזט יענעם פלאץ, און ב"ה ער האט געטראפן א נייעם דזשאב וואו ס'זענען נישט דא די אלע נסיונות און ער איז שטארק מצליח בעז"ה.

דער זכות פון וואס איז איר טוט אזויפיל אויף זאל אייךביישטיין, דער אויבערשטער זאל אייך באצאלן בכפלי כפלים.

**מתוך מכתב למערכת**




## מפי ספרים וסופרים:

# לפי רעות העינים ראוי להתפלל להיות סומא אך כיון שנצרכת לעבודת ה' ברא השי"ת עפעפי העין כדי לסוגרם כשירצה

**ראיה** חמורה שמביאה לידי עבירה, שהעין רואה והלב חומד וכמה רעות רבות ועבירות חמורות באות על ידי העינים. **אם מסתכל בעריות והלב חומד, ובא לידי עבירה או לידי הרהורי עבירה, גדול עונו. ואפילו אם לא בא לידי עבירה כלל ולא נסתכל בה אלא כדי להכירה, הראיה עצמה היא גופה עבירה ופוגמת בעיני נשמתו ובעינין עלאין**... והמסתכל בפני אדם רשע אסורא קעבד ופוגם עיניו, וכל שכן בפני גויים או באלילים, שעובר על מה שכתוב (ויקרא יט, ד) 'אל תפנו אל האלילים'.[א]

**ואפילו** ראיה שאין בה עבירה כלל, כגון ראית הבלי העולם הזה, גורמת עבירה שמפנה לבו לבטלה ומבלבלת מחשבתו ואינו יכול לכוון דעתו ליראה ולאהבה את ה' ולדבקה בו ולכון בתפלותיו וברכותיו כראוי בלי תערובת מחשבות זרות והרהורים רעים. כי מלד שטבע הוא באנוש ובלתי אפשר שיראה דבר או בריה איש או אשה מאדם עד בהמה עד כל נברא ולא יחשוב שום מחשבה עליו ברגע ראיתו, ולפעמים המחשבה מתערבת ונמשכת מדבר לדבר ומענין לענין עד שהאיש משתאה וחושב מהיכן באו לו המחשבות הללו, וחוזר לאחוריו להבין אחרית דבר מראשיתו, ובתוך כך הלשון שליח עושה שליחותו וגומר תפלתו וברכתו ואין מאומה בידו, מי גרם לו תחלת המחשבה, הראיה. **וגם בהיות האדם פוגם עיני נשמתו לא יוכל לראות במושכלות, ועונותיו מבדילין בינו לבין אביו שבשמים ואינו יכול לכוון דעתו.**

**ובזוהר** הקדוש איתא דאסור להסתכל בכל דבר שיביא את האדם לידי שמחה בזמן הזה, כי עשן שריפת בית המקדש נתון בין העינים. וקרא כתיב (תהלים קא, ה) 'גבה עינים, אותו לא אוכל', ובפרט בתפלה אם אינו כופה עיניו או נותנס תוך הספר גדול ענשו, שמקדים עליו מלאך המות ואינו רואה פני שכינה בפטירתו.

**ולפי רעת העינים היה ראוי להתאוות ולהתפלל להיות סומא או לסמות אותם בידים, אם לא שגדלה גם כן טובת העינים וצריכים הרבה לעבודת השם יתברך שמו. ולכן עשה הקדוש ברוך הוא עפעפי עינים, כדי שיהא סוגרם ופותחם כשירצה. וצריך האדם להתחזק ברוב עוז ותעצומות להיות עוצם עיניו מראות ברע, ולא יסתכל בנשים וכו' ובכל ראיות זרות ואסורות.**

**ואשרי** מי שיוכל לקיים מה שהיו עושים הראשונים שלא להסתכל חוץ לארבע אמות, עליו נאמר (איוב כב, כט) "ושח עינים יושיע", כי בהיותו מסלק עינו מהגשמיים דבר זה יזכירהו לחושבן במושכלות וברוחניים, וליראה ולאהבה את השם ולדבקה בו.

**וכמו שלכל דבר טוב צריך חיזוק על אחת כמה וכמה למשמרת העינים שהם כלים המרוץ והפסדם גדול ורעתם וענשם מרובה, והנזהר בהם בשמרם עקב רב, ואמרו במדרש רבה, שמי ששומר עצמו ועוצם עיניו מראות ברע אומר הקדוש ברוך הוא, הדין דידי:**

**פלא** יועץ ערך ראיה

**א.** עי' במ"א או"ח סי' רכה סקכ"ו וז"ל, הא דאמרינן אסור להסתכל בצלם דמות אדם רשע וכו' נראה דדוקא להסתכל בו ביותר ולהתבונן בצלמו ודמותו אסור אבל ראיה בעלמא מותר.

# מכתבים למערכת:

לערנבארע מעשיות און אייגענע ערפארונג איבערגעגעבן דורך די חשוב'ע ליינער פונעם גליון

## מחנך זיין יונגע קינדער 13 שמירת עינים

איך וויל מוסיף זיין אויף דעם הערליכן בריוו וואס א חשוב'ער מלמד האט לעצטנס אריינגעשריבן אינעם גליון איבער דער פליכט פון לערנען מיט קינדער איבער שמירת עינים.

עס שטייט אין ספר חסידים, סימן י': **"כל דבר שיצרו מתגבר עליו ונוהג תמיד, כגון לשון הרע, ושלא לדבר שקר, ושלא לראות בנשים וכו', צריך להחזיק בהם מילדותו, דבלאו הכי קשה לעמוד בפניהם. לכך יחנך בניו באלה בקטנותם, ואז גם כשיזקין לא יעזבם ולא יניחם, שנאמר (משלי כ"ב ו') 'גם כי יזקין לא יסור ממנה".** און די זעלבע שטייט אויך אין ספר שבט מוסר פרק י"ד אות כ"ד.

**הצלחה**

## "שויתי ה' לנגדי תמיד" פאר שמירת עינים

לכבוד עורך "מאמר התחזקות", שלו' רב לאוהבי ה'.

ראיתי בגליון הסיפור עם **האדמו"ר מטאהש זצ"ל**, שאמר לשואל אודות שמירת עינים שיחשוב שהשי"ת מביט לו בעינים וכו'. וזה סיפור נפלא שמצוה לפרסמו. וכעין זה שמעתי מבחור אחד שהתכונן לנסוע לארץ אחרת, ושאל לרב ומורה דרך שלו איך להתכונן להיות שמור בעיניו. וא"ל רבו שילמוד בביאור הלכה סימן א' ד"ה הוא כלל בתורה, מדובר שם אודות השש מצוות תמידיות, ובמשך הנסיעה יתבונן בשש מצות האלה.

וידוע מאמר החכם שמי שמתאבק עם איש מלוכלך מתלכלך גם הוא... ולכן מי שעובד על 'שמירת עינים' גרידא, הרי הוא טרוד במחשבתו בליכלוך, משא"כ מי שעובד על שויתי ה' לנגדי תמיד, דבוק בה' ואגב אורחא שומר על מחשבתו ועל עיניו.

**הצלחה בעבודתכם הקדושה,**
**יצחק צבי לאמפין, מאנטריאל.**

## די פרייז פון א ראיה אסורה

איך וויל צולייגן א הוספה צו דער מעשה וואס ווערט געברענגט אין מדרש אויף רבי מתיא בן חרש אז ער האט אויסגעשטאכן די אויגן נישט נכשל צו ווערן מיט זיי.

איך האב געזען אין **סדר הדורות**, ערך רבי מתיא בן חרש, ווי ער ברענגט פונעם **אר"י הקדוש**, אז רבי מתיא בן חרש איז געווען א גלגול פון 'פלטי בן ליש' וועלכער האט פוגם געווען מיט די אויגן, און דאס איז געווען די סיבה פארוואס ער האט זיך געדארפט אויסשטעכן זיינע אויגן, ע"כ.

ווען איך האב געזען די ווערטער האט דאס מיר מורא'דיג באנומען, ווייל די גמרא אין סנהדרין, דף י"ט ע"ב, פארציילט ווער דער פלטי בן ליש איז געווען. די גמרא זאגט אז שאול המלך האט געגעבן זיין טאכטער פאר פלטי בן ליש, היות ער האט אבער געהאט א ספק אויף די קידושין צי ס'איז געווען אויסגעהאלטן, האט ער אריינגעשטאכן א שווערד אין זייער שטוב צווישןביידן, אז ווער ס'גייט אריבער דעם שווערד צום אנדערן זייט וועט גע'הרג'עט ווערן. די גמרא זאגט אז יוסף הצדיק'ס גבורה אין זיין נסיון איז נישט צוגעקומען צו דער גבורה פון בועז, און בועז'נס גבורה איז נישט צוגעקומען צו דער גבורה פון פלטי בן ליש, וויבאלד ער האט געוואוינט מיט איר אזויפיל יארן.

קומט אויס אז חכמינו ז"ל זענען מעיד אויף פלטי בן ליש אז זיין קדושה איז געווען פיל פיל מער ווי יוסף הצדיק, אבער מיט דעם אלעם, וויבאלד ער האט געקוקט אויף איר האט ער אין א שפעטערן גלגול געדארפט אויסשטעכן זיינע אויגן כדי דאס מתקן צו זיין. דאס גיבט א געוואלדיגע התעוררות ווי ווייט מ'דארף זיין נזהר צו היטן די אויגן!

**געהערט פון א חשוב'ן תלמיד חכם**

## וישא עיניו וירא והנה גמלים באים

ס'איז באקאנט די ווארט פון צדיקים (עי' אגרא דכלה) אויף וואס מ'טרעפט אסאך מאל אין די תורה דעם לשון **"וישא עיניו וירא"**, ווייל סתם אזוי זענען די אבות הקדושים געגאנגען מיט די אויגן אראפ, נאר ווען ס'האט זיך אויסגעפעלט האבן זיי "אויפגעהויבן" זייערע אויגן.

מ'קען אפשר מוסיף זיין א פרישע נקודה, מיר געפינען פארגאנגענעם פרשת חיי שרה אויף יצחק אבינו, **"וישא עיניו וירא והנה גמלים באים"**, אז אפילו נאכדעם וואס ער האט שוין אויפגעהויבן זיינע אויגן, האט ער זיי נאך אלץ נישט אויפגעהויבן אינגאנצן אן קיין חשבון נאר וויפיל ס'האט זיך אים אויסגעפעלט, דעריבער האט ער נאר געזען ווי "קעמלען קומען", אבער וואס ס'טוט זיך העכער די קעמלען, אין די זייט פון די קעמלען, ווער דרייווט די קעמלען, דאס האט שוין נישט אויסגעפעלט, צו דעם איז ער שוין נישט געווען נייגעריג! (-)

## חודש תשרי תש"פ מיט א געפיל פון התרוממות

**שלום וברכה.**

געלויבט איז דער רבש"ע, אין אייער זכות האב איך זוכה געווען זיך צו מתגבר זיין די לעצטערע צייטן אין שמירת עינים מיט פרישע כוחות, נאך א לאנגען זמן וואס איך האב געשפירט אז איך קען נישט מנצח זיין אין דער מלחמה.

איך האב באקומען דעם גליון פאר ראש השנה, איך האב עס געליינט און געטרינקען מיט דארשט יעדעס ווארט, און דאס האט מיר ממש אריינגעבלאזן חיות אין מיין גוף און אין מיין נפש - איך האב שוין לאנג נישט געפילט אזא גוטן טעם!

אזוי אויך האב איך געזען דעם גליון פון סוכות, וואו ס'איז געווען אראפגעברענגט פון גדולי ישראל אין אלע דורות ווי זיי האבן אויסגערימט די עבודה אינעם היינטיגן דור, באחרית הימים, ווען דער נסיון איז איז אזוי שווער. ביז יעצט האב איך נישט געהאט קיין שום שטופ אדער הילף צו טראכטן איבער די גוטע חלקים פון שמירת עינים.

אין אייער זכות בין איך אריבער דעם גאנצן חודש תשרי מיט א געפיל פון התרוממות און זיך געהיטן די אויגן מיט א שטאלץ, נישט מיט א בושה און בזיון פון דער סביבה, די חברים, אד"ג. אריינגערעכנט די ימים טובים ווען די גאסן זענען פול און ס'איז אסאך שווערער מיט שמירת עינים, בפרט חול המועד, שמחת בית השואבה, אא"וו. ס'איז געווען דאס ערשטע מאל וואס איך האב מיך אכטונג געגעבן ווי ס'דארף צו זיין א גאנץ סוכות - וואספארא זכות איז דאס פאר'ן יום הדין!

איך וויל באזונדער ארויסברענגען א יישר כח פאר דעם איד וואס האט געשריבן די עצה צו טראכטן בשעת'ן נסיון און פארדעם, "ס'גייט מיך נישט אן פון דעם, איך בין בכלל נישט נייגעריג". אזוי איז גרינגער ווי ווען מ'טראכט אז מ'האט עובר געווען אא"וו, מ'פארנארט דעם יצר הרע אז מ'איז פשוט נישט אינטערעסירט, נישט ווייל מ'פירט א מלחמה... די עצה האט מיך באגלייט און ארויסגעהאלפן פון דער ערשטער מינוט וואס איך האב עס געזען.

איך וויל אויספירן מיט א טיפן דאנק אויף דעם הערליכן גליון און פאר די טייערע אידן וואס ארבעטן אויף דעם. זכותכם גדולה מאוד!

נ"ב, איך ווארט אויס יעדן פרייטאג צו זען צי ס'איז אנגעקומען אן אימעיל פון "הוצאות טהור עינים", צום באדויערן זע איך אבער נישט יעדע וואך.

אזוי איך זע איך אז דער גליון איז נישט בנמצא דא אין ארץ ישראל, אין ירושלים און אין אנדערע פלעצער וואו איך בין געווען. היות איך שפיר אז פאר מיר האט עס אויפגעטון מורא'דיג אסאך, איך בין שוין ממש געווען מיואש אין דעם ענין און דער גליון האט מיר געגעבן די כוחות פונדאסניי, וויל איך בעטן צי איר קענט מיך העלפן מפיץ זיין דעם גליון אויך אין ארץ הקודש, צו ארויסהעלפן נאך אידישע קינדערלעך וואס פלאגן זיך טאג טעגליך מיט נסיונות.

**ירושלים** (-)


הוצאות
# טהור עינים
מטרתו: לזכות את הרבים בעניני שמירת עינים

פאר נדבות, הערות, רופט:
**802.327.3592**
*נשמח לשמוע הערות

צו מפרסם זיין א מעשה רופט:
**845.206.9879**

אדער שיקט אויף פאסט צום מערכת:
1 Karlsburg Rd. #203 Monroe Ny 10950



## על הטוב יזכר

מוה"ר **יואל** בר"ז **יאקאבאוויטש** הי"ו
**שתרם זכות 3,000 גליונות**
לע"נ הרה"ק רבי **ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר** זי"ע - ולע"נ הרה"ק רבי **חיים זאנוויל ב"ר משה מרובניץ** זי"ע

~

הרבני הנגיד
מוה"ר **וואלף פערל** הי"ו
**שתרם זכות 2,500 גליונות**
לרגל נשואי בתו למז"ט עב"ג הבה"ח **אליהו** נ"ו עב"ג בן מוה"ר **חיים מרדכי שניצער** הי"ו

~

הר"ר **יואל גרינהאט** הי"ו
**שתרם זכות 2,500 גליונות**
לרגל ארוסי בתו למז"ט עב"ג הבה"ח **אברהם אבא** נ"ו בן מוה"ר **שאול מיטעלמאן** הי"ו אב"י בעיר מאנטריאל

**אלו שתרמו זכות 1,000 גליונות**

~

מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
לע"נ **יצחק מנשה** ע"ה ב"ר **אלימלך הכהן** נ"ו

הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו
**לברכה והצלחה בכל עניים**

~

מוה"ר **הרוצה בעילום שם** הי"ו
לע"נ **הגה"קר' יעקב בן הגה"ק דוד יצחק אדמו"ר מפשעווארסק** זצ"ל - ז"ך חשון

~

לזכות הגה"צ ר' **יוסף מרדכי בן מרים** שליט"א



**כל הזכויות שמורות**
הרשות נתונה לצלם הגליון כמות שהוא על מנת לזכות הרבים, אבל אסור להעתיק ממנה קטעים בלי רשות המערכת

מ'יר זוכן עסקנים צו פארשפרייטן דעם גליון אין ישובות

אויב ווילט איר פארשפרייטן דעם גליון אין אייער ביהמ"ד אד"ג ביטע פארבינדט אייך מיטן מערכת

די מערכת זוכט א טיכטיגע יונגערמאן צו אנפירן מיט די פעולות פונעם גליון פאר מער פרטים רופט די מערכת